א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת נח

## מאוצרות אמונים — פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### די קינדער העלפן פאר זייערע עלטערן

"אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק" (ו ט)

רבי רחמים מלמד הכהן דער רב פון קהילת 'יוצאי פרס אין ירושלים האט געטייטשט:

"אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ" - אויב די קינדער (='תולדות') ווילן אז זייערע עלטערן זאלן האבן מנוחה פון דער שטראף פון גיהנום, דארפן זיי יעדן טאג אכטונג געבן צו זאגן "אִישׁ צַדִּיק":

א. ענטפערן 'אמן יהא שמיה רבא' - אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין זוהר הקדוש אין אונזער פרשה (סב א) אז יעדעס מאל ווען אידן ענטפערן 'אמן יהא שמיה רבא מברך' בקול רם, ווערט דער אויבישטער אנגעפילט מיט רחמים און ווינקט פאר דער אויפזעהער פונעם גיהנם אז ער זאל אפקילן דער פייער אויף א קורצע צייט.

ב. אנפילן די צאל וואס די חז"ל (תיקוני זוהר יח דף לג א) האט באשטימט אויף די פיר דברים שבקדושה וואס זענען מרומז אין די ווארט 'צדיק' און דאס זענען: צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים און ק' ברכות.

'כסא רחמים'

### לה' הארץ ומלואה

"כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ חָמָס מִפְּנֵיהֶם" (ו יג)

אין מסכת ברכות (לו ב) פרעגט די גמרא א סתירה צווישן די צוויי פסוקים פון ספר תהילים; אין איין פסוק שטייט (כד א): "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ", און אין איין פסוק שטייט (קטו טז): "וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם", ענטפערט די גמרא: בעפאר די ברכה געהערט די ערד פאר דער אויבישטער, אבער נאך די ברכה האט ער עס איבער געגעבן פאר מענטשן. פון דא לערנען ארויס די חכמים אז יעדער וואס האט הנאה פון דער וועלט אן צו זאגן א ברכה איז ער ווי א גזלן.

מיט דעם ערקלערט דער 'אוהב ישראל' פון אפטא דעם לשון פון דער פסוק אין אונזער פרשה, ווייל די אנשי דור המבול האבן הנאה געהאט פון דער וועלט אן קיין ברכה דעריבער איז געווען "מלאה הארץ חמס", ווייל אין יעדע מינוט וואס זיי האבן הנאה געהאט פון די 'הארץ' אן קיין ברכה, איז עס גערעכנט פאר זיי ווי רויב און חמס.

'מגיד תהלות'

### באלייכטן די ווערטער פונעם דאווענען

"צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה" (ו טז)

דער מגיד פון מעזריטש האט אזוי אויסגעטייטש דעם פסוק:

א תפילה וואס ווערט געזאגט אן כוונה, איז עס ווי א טונקעלע תפילה, דעריבער האט די תורה אונז געהייסן: "צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה" - גיט אכטונג אינזין צו האבן ביי יעדע ווארט און אזוי וועלן ענקערע תפילות לייכטן און אנגענומען ווערן.

'תורי זהב'

### כל המרחם מרחמים עליו מן השמים

"וַיִּזְכֹּר אֱלֹהִים אֶת נֹחַ וְאֵת כָּל הַחַיָּה וְאֶת כָּל הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר אִתּוֹ בַּתֵּבָה" (ח א)

דעם לשון פון דער פסוק טייטש דער גאון רבי משה שטערנבוך:

בעפאר דער מבול איז געקומען, איז נח ניצול געווארן ווייל אקעגן זיין דור איז ער געווען גערעכנט ווי א צדיק (אזוי ווי דער צווייטער טייטש פון רש"י אין אנהויב די פרשה), אבער יעצט אז די גאנצע וועלט איז געווען אפגעמעקט האט מען אים נישט געקענט רעכענען ווי א צדיק, איז שווער פארוואס האט אים השי"ת געדענקט לטובה? מוז מען זאגן אז ס'איז געווען אין דעם זכות פון די חסד וואס ער האט געטוהן מיט די חיות און בהמות וואס זענען געווען מיט אים אין די תיבה.

לויט דעם קענען מיר פארשטיין וואס מיר זאגן ביי די ברכה פון 'זכרונות' ביי די מוסף פון ראש השנה: "וגם את נח באהבה זכרת ותפקדהו בפקודת ישועה ורחמים" - אזוי ווי דו האסט געדענקט דעם נח און דו האסט רחמנות געהאט אויף אים ווען ער איז ארויס פון די תיבה, אין זכות פון די רחמנות וואס ער האט געהאט אויף די אנדערע בעלי חיים וואס זענען געווען מיט אים אין די תיבה, אזוי זאלסטו אונז געדענקען און זיך אויפפירן מיט אונז מיט רחמים.

'טעם ודעת'

### יונה מצאה בו מנוח

"וַתָּבֹא אֵלָיו הַיּוֹנָה לְעֵת עֶרֶב וְהִנֵּה עֲלֵה זַיִת טָרָף בְּפִיהָ" (ח יא)

אין דעם באקאנטן פיוט 'יום שבתון אין לשכוח' וואס מיר זינגען שבת בייטאג, זאגן מיר: "יונה מצאה בו מנוח", און די מפרשים מוטשען זיך ווי טרעפן מיר אז די יונה רוהט אום שבת?

דער גאון רבי יוסף שאול נאטאנזאהן פון לעמבערג שרייבט אין נאמען פונעם יעב"ץ אז די יונה רוהט טאקע אום שבת, און דעריבער אין דעם טאג רייסט זי נישט געוויקסן וואס זענען באהאפטן אויף די ערד. און ער ערקלערט אז א רמז אויף דעם קענען מיר טרעפן פון דעם וואס די תורה באטאנט אז די יונה איז געקומען "לעת ערב", ווייל די יונה האט געווארט ביז ווען עס וועט ווערן מוצאי שבת, און נאר דעמאלטס האט זי אראפ געריסן מיט איר מויל א בלעטל פון א זית בוים עס צו ברענגען פאר נח.

'דבר שאול'

> **הברכה אויפן קול פאר מ'עסט**
>
> "וְאַתָּה קַח לְךָ מִכָּל מַאֲכָל אֲשֶׁר יֵאָכֵל" (ו כא)
>
> 'ואתה קח לך' איז ר"ת קול. 'מכל מאכל אשר יאכל' די ר"ת איז בגימטריה אמן. דאס איז א רמז אז בעפאר מ'עסט 'כל מאכל' דארף מען זאגן א ברכה הויעך אויפן קול כדי אז די ארומיגע זאלן ענטפערן אמן אויף די ברכה.
>
> 'בצל יהודה' עמ' קיח

### די כוונה פון 'למען ירבו'

"אֶת קַשְׁתִּי נָתַתִּי בֶּעָנָן וְהָיְתָה לְאוֹת בְּרִית בֵּינִי וּבֵין הָאָרֶץ" (ט יג)

"דער אויבישטער האט אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האנט און געשוואוירן פאר נח אז ער וועט מער נישט ברענגען קיין מבול אוף די וועלט ...און אזוי אויך האבן די חכמים מתקן געווען אז מ'זאל דערמאנען יעדן טאג די שבועה פאר נח, אזוי ווי עס שטייט (דברים יא כא): 'למען ירבו ימיכם וימי בניכם... כימי השמים על הארץ'" ('פרקי דרבי אליעזר' סוף פכ"ג)

לויט דעם שרייבט דער ספר 'עלת תמיד' (פ"כ) אז יעדן טאג ביים זאגן דעם פסוק "למען ירבו ימיכם", אויסער די פשוט'ע כוונה דארף מען אויך אינזין האבן די שבועה וואס דער אויבישטער האט געשוואוירן פאר נח אז ער וועט מער נישט ברענגען קיין מבול אויף די וועלט, אזוי ווי ס'איז די תקנה פון חז"ל וואס ווערט אראפ געברענגט אין פרקי דרבי אליעזר.

### די ברכה 'משנה הבריות'

"וַיָּפֶץ ה' אֹתָם מִשָּׁם עַל פְּנֵי כָל הָאָרֶץ" (יא ח)

אין מסכת סנהדרין (קט א) זאגן חז"ל אז א טייל פון די מענטשן פון דער דור הפלגה זענען געשטראפט געווארן מיט דעם וואס זיי זענען געווארן מאלפעס (קופים), און אין 'סדר הדורות' (אלף תתעג) לייגט ער צו אז א טייל זענען אויך איבערגעדרייט געווארן אויף עלעפאנטן.

לויט דעם ערקלערט רבי שלמה העדני אין נאמען פון דער מקובל רבי משולם די הלכה וואס איז גע'פסק'נט אין שולחן ערוך (או"ח רכה ח ע"פ גמרא ברכות נח ב) אז דער וואס זעהט א עלעפאנט אדער א מאלפע (קוף) זאגט די ברכה 'ברוך משנה הבריות', כאטש וואס יעדע בעל חי איז אנדערשט פון די אנדערע, אבער די צוויי באשעפענישן זענען געטוישט געווארן פון וואס זיי זענען געווען אין אנהויב, ווייל אין אנהויב זענען זיי באשאפן געווארן ווי מענטשן און נאר נאכדעם זענען זיי איבערגעדרייט געווארן צו עלעפאנטן דער אויף מאלפעס און דעריבער דארף מען אויף זיי זאגן די ברכה.

'מלאכת שלמה' כלאים פ"ח מ"ו

### א סגולה אויף חן

"וַיְחִי תֶרַח שִׁבְעִים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת אַבְרָם" (יא כו)

אין מסכת בבא בתרא (צא א) ברענגען חז"ל אז די נאמען פון די מאמע פון אברהם אבינו ע"ה איז 'אמתלאי בת כרנבו'. רבי יצחק למפרונטי ברענגט אין זיין ספר 'פחד יצחק' (ערך אברהם) אז ער האט געזעהן אין א פריערדיגן ספר אז דער וואס זאגט דריי מאל 'אמתלאי בת כרנבו' ווען ער דארף צוקומען צו די רעגירונג, וועט דאס אים העלפן ער זאל באקומען חן אין זייערע אויגן.

און אזוי ווערט דערציילט אויפן 'אהבת ישראל' פון וויזשניץ אז אינמיטן די ערשטע וועלט'ס קריג איז געקומען צו אים א יונגער בחור'ל וואס מ'האט אים געוואלט נעמען אין מיליטער און ער האט געבעהטן א ברכה אויף דעם, האט אים דער אהבת ישראל גע'עצה'ט אז ווען ער וועט שטיין פאר די מילטערישע קאמיטע זאל ער טראכטן: 'אמתלאי בת כרנבו אימיה דאברהם', און ווען דער בחור האט טאקע אזוי געטוהן איז ער באפרייט געווארן פון די מיליטער אקעגן אלע אויסזוכטן.

'קדוש ישראל' פרק כ

---

## "נתתי מטר ארצכם"

אין די קומענדיג וואך הבא עלינו לטובה הייבן אן די בני ארץ ישראל צו בעהטן אויף רעגן. יעצט איז די ריכטיגע צייט מיר זאלן זיך מתחזק זיין אין די ענין פון ענטפערן אמן וואס ברענגט אראפ שפע אויף דער וועלט (זוהר וילך קיט ב), און אויך די גשמי ברכה קומען אראפ אין דעם זכות, אזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האבן געזאגט (תענית ח א): "אין גשמים יורדים אלא בשביל בעלי אמנה" 'שמנה לחמו' אין אונזער פרשה.

**לברכה ולא לקללה, אמן.**

## תענה אמונים
א בליק לויטן סדר פון דאווענען

### שירו לה' שיר חדש

"דער גאנצער קאפיטל איז געזאגט געווארן אויף די צייט פון די גאולה, און איבער די עם סגולה וואס השי"ת האט אויסגעוועלט פאר זיך פאר א פאלק. און אויף דעם זאגט ער: 'שירו לה' שיר חדש', ווייל יענע צייטן ווערן אנגערופן 'חדש' ד.מ. די נייע וואונדער וואס ער גייט ווייזן פאר זיין פאלק, און דערנאך זאגט ער: 'תהלתו בקהל חסידים', ווייל אויף יענע צייט שטייט דאך (ישעיה יא ט) כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים, און די גאנצע פאלק וועלן דעמאלטס אנגערופן ווערן 'חסידים'" (פירוש המאירי לתהלים)

### ישמח ישראל בעושיו

די חכמים האבן באשלאסן אז 'טוב לו לאדם שלא נברא' ווייל ער וועט זינדיגן (עירובין יג ב), אבער לעתיד לבוא, ווען דער אויבישטער וועט באנייען זיין וועלט און מיר וועלן זעהן מיט אונזערע אויגן תחיית המתים, וועט מען שוין נישט זאגן מוטב לאדם שלא נברא, ווייל דעמאלטס וועט דער מענטש נישט זינדיגן, און זיין טיטול וועט זיין 'נזר הבריאה' אזוי ווי עס איז געווען בעפאר די זינד, דעריבער דעמאלטס 'ישמח ישראל בעושיו' - און מיר וועלן דארפן זינגען א 'שיר חדש' אויף דאס וואס מיר זענען באשאפן געווארן ('תפלה ישרה - כתר נהורא').

דא איז דאס פלאץ אנצייכענען צו די וואונדערליכע ווערטער וואס ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש (פנחס ריט ב): רבי אבא האט געזאגט: ווי ווייט זענען די אידן באליבט פארן אויבערשטן אז זייער פרייד און זייער לויב איז נאר אין אים, ווייל מיר האבן געלערנט: יעדע פרייד וואס די אידן נעמען נישט אריין דעם אויבערשטן אין דעם איז עס נישט קיין פרייד, ווייל עס שטייט דאך אזוי: 'ישמח ישראל בעושיו' - די פרייד פון די אידן איז נאר 'בעושיו', ד.מ. דער אויבישטער וואס האט זיי באשאפן.

נאך שטייט דארט אין זוה"ק: פארוואס שטייט 'בעושיו' מיט א לשון רבים, און נישט 'בעושו' מיט א לשון יחיד? פון דעם לערנען מיר אז ווען דער מענטש נעמט אריין דעם אויבירשטן אין זיין שמחה, ברענגט דער אויבישטער זיין טאטע און זיין מאמע פון גן עדן זיי זאלן א טייל נעמען אין די שמחה.

### תורה מגנא ומצלא

דעם פסוק: "רוממות א-ל בגרונם וחרב פיפיות בידם" ערקלערן חז"ל (ראה מדרש תהלים) אז ווען די אידן פלייסיגן זיך צו לערנען תורה מיט זייער מויל, געווינען זיי זייערע פיינט, אזוי ווי חז"ל דרש'ענען (ב"ר סה כ) אויפן פסוק "הקול קול יעקב והידים ידי עשו", אז אין יעדע צייט וואס יעקב'ס קול ווערט געהערט אין די שוהלן, קען נישט עשו'ס שווערד זיי שעדיגן.

נאך זאגן די חכמים (פסיקתא דרב כהנא יב) אז די 'חרב פיפיות' וואס די אידן האלטן און דורך דעם געווינען זיי זייערע פיינט, איז די תורה וואס איז צוטיילט אויף צוויי חלקים - תורה שבכתב און תורה שבעל פה, און צוליב דעם ווערט עס אנגערופן 'חרב פיפיות' - ווי א שווערד וואס האט צוויי 'פיות'.

אמאל האט איינער זיך געוואונדערט און געפרעגט פארן חזון איש: פארוואס זענען מיר נישט זוכה היינטיגע צייטן צו זעהן אפענע ניסים? האט דער 'חזון איש' אים זאגט בתמימות: פארוואס נישט?! איך וועל דיר דערציילן אז אין דעם טאג וואס איך האב געענדיגט צו שרייבן מיין חיבור אויף מסכת עירובין, נאך יארן פון פלאג און הארעוואניע, איז עס געווען אינמיטן די ערשטע וועלט'ס קריג, אין בין געזיצן אין א שוהל אין מינסק, פלוצלינג איז איינער אריין אין שוהל און געשריגן 'א גרופע סאלדאטן דרייען זיך דא אין געגנט און זוכן אויף די וואס זענען פארדעכטיגט צו זיין א שפיאן פארן פיינט'.

ווייל איך האב נישט געהאט ביי מיר קיין פאפירן, האב איך געוואוסט אז אויב די סאלדאטן וועלן מיך כאפן, וועלן זיי מיר זיכער חושד זיין אויף א שפיאן, און ווער ווייסט וויאזוי ס'וועט זיך ענדיגן. איך מיט נאך עטליכע אידן האבן זיך צוגעאיילט צו אנטלויפן צו א דערנעבענדיגן וואלד וועלנדיג זיך דארטן באהאלטן ביז ווען עס וועט זיך בארוהיגן. אבער אנקומענדיג אין וואלד האב איך צו מיין ציטער באמערקט אז איך בין ארום גענומען מיט אסאך סאלדאטן וואס האבן געווארט צוזאמען מיט זייערע גענעראלן אריינצוגיין אין שטאט.

איך האב נישט געהאט קיין אנדערע וועג נאר אריבער צוגיין צווישן די רייע'ס פון די סאלדאטן ווען דער נייער חיבור איז אין מיין האנט. און צום גרויסן וואונדער כאטש וואס דאס איז געווען זייער ציל מיטן אריינגיין אין שטאט, דאך האט קיינער נישט געקוקט צו מיין ריכטונג. איך בין אריבער צווישן זיי ווי איך וואלט געווען א 'רואה ואינו נראה' ביז איך בין אנגעקומען צו א פארזיכערטע פלאץ.

איך האב נישט קיין ספק ביי מיר, האט דער 'חזון איש' געענדיגט, אז דער גרויסער נס וואס האט מיר פאסירט איז געווען אין זכות פון לערנען מסכת עירובין, ווייל 'תורה מגנא ומצלא', און פאר דיר, האט ער צוגעלייגט און געזאגט, אט האסטו געזעהן א אפענער נס וואס האט פאסירט אין אונזערע צייטן, און עס איז זיכער אז יעדער וואס וועט אריינטראכטן קען שטענדיג זעהן אזעלעכע ניסים ('ודברת בם' עמ' שמא).

### לעשות בהם משפט כתוב

אסאך פלאגן זיך צו פארשטיין די ווערטער 'משפט כתוב'; וואס איז דער 'משפט כתוב' וואס מיט דעם וועט דער אויבישטער שטראפן די גוים לעתיד לבוא?

דער 'חפץ חיים' האט עס ערקלערט מיט א משל:

א בן מלך וואס האט געבלאנדזשעט אין א טיפע וואלד און איז אריינגעפאלן אין די הענט פון רויבער'ס, שלעכטע מענטשן, וואס זיי פלעגן פייניגן זייערע קרבנות א לאנגע צייט ביז זיי האבן שוין נישט אויסגעהאלטן די ביטערע יסורים און זיי האבן אויסגעהויכט זייער נשמה. ווען דער בן מלך איז אריינגעפאלן אין זייערע הענט האט ער זיך איינגערעדט אז ער וועט זיי אנווארענען אז ער איז א בן-מלך און עס לוינט זיך זיי אז זיי זאלן זיך אויפפירן מיט רחמנות ווייל 'סוף גנב לתליה' און ווען מ'וועט זיי כאפן וועלן זיי הארב געשטראפט ווערן. אבער די ווערטער האט גארנישט געווירקט אויף זייער פארשטאפטע הארץ, און אזוי ווי זיי האבן זיך אויפגעפירט מיט זייערע אנדערע קרבנות האבן זיי אנגעהויבן אים אויך צו פייניגן.

אינצווישן איז דער קעניג נישט געזיצן מיט פארלייגטע הענט, אסאך סאלדאטן האבן זיך אויסגעשפרייט אין די גאנצע לאנד ווען זיי זוכן נאך יעדע ברעקל מיטן ציל צו טרעפן דעם פארלוירענעם זוהן, און נאך עטליכע טעג האבן זיי געטראפן דעם בן מלך ווען אט אט גייט ער אויס פון די שרעקליכע יסורים.

ווען דער קעניג האט געאורטיילט די רויבער'ס מ'זאל זיי הרג'ענען, זענען זיי געפאלן צו זיינע פוס מיט א געבעהט, ווען זיי טענה'ען אז עס קומט זיך נישט פאר זיי קיין טויט שטראף, ווייל דער בן מלך איז יא געבליבן ביים לעבן. אבער דער קעניג האט זיי באלד געענטפערט: איך זעה דאך קלאר אז ענקער פלאן איז געווען צו הרג'ענען מיין זוהן, און אויב מיר וואלטן אים נישט געראטעוועט פון ענקערע הענט אין די ריכטיגע מינוט וואלטן ענק אויסגעפירט ענקער ווילן, אויב אזוי וועל איך ענק טוהן וואס ענק האבן געוואלט טוהן.

אויך אזוי וועט זיין לעתיד לבוא, ווען דער אויבישטער וועט וועלן באשטראפן די פעלקער וועלן זיי טענה'ען אז עס קומט נישט פאר זיי אזא שטראף, ווייל די אידן זענען יא געבליבן לעבן, אבער דער אויבישטער וועט זיי ענטפערן דאס וואס די אידן זענען געבליבן בדרך נס, דאס האט ער געטוהן, און זיי וועט ער משפט'ן 'משפט כתוב' - אזוי ווי זיי האבן פארגעשריבן און געטראכט אויף די אידן כאטש ס'איז זיי נישט געלונגען אויסצופירן זייערע פינסטערע פלענער ('טללי אורות').

מיר וועלן ענדיגן מיט א גוטע ווערטל פון רבי נפתלי ראפשיצער זצ"ל: חז"ל זאגן (חגיגה ט ב) אז ארעמקייט איז ווי א שיינע קרוין פאר כלל ישראל, בעהטן מיר דא אז לעתיד לבוא, ווען דער אויבישטער וועט דערהויבן די אידן איבער אלע גוים, זאל ער זיי געבן צו שפירן פון דער "משפט" פון ארעמקייט וואס אויף דעם "כתוב" אין די חז"ל אז "הדר הוא לכל חסידיו".

## מעשה אמונים
א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

### די דריי בקשות וואס זענען פארווירקליכט געווארן

דאס האט פאסירט אינמיטן די צווייטע וועלט'ס קריג. הונדערטער ישיבה לייט פון ישיבת מיר וואס האבן זיך אויפגעהאלטן אין גלות אין שאנחיי זענען געווען אריינגעטוהן אין די תורה'דיגע וועלט, אין די צייט וואס זייער באליבטער פאטער דער ראש ישיבה הגאון רבי חיים שמואלוויץ זצ"ל האט געטראגן אויף זיך דעם גשמיות'דיגן עול.

רבי חיים וואס איז געווען דער פארטרעטער פון די ישיבה אקעגן די יאפאנישער רעגירונג איז געווען אונטער א שטארקער קאנטראל פון געהיים-פאליציי וואס האבן נישט געקענט פארשטיין וויאזוי קען די ישיבה אויסהאלטן די הונדערטער בחורים וואס טוהן נישט גארנישט פאר פרנסה.

עס איז קלאר געווען פאר די רעגירונג אז די ישיבה ווערט אויסגעהאלטן דורך הילף פון פרעמדע קוועלער, אך און ווי" וואלט געווען אויב זיי וואלטן זיך דערוויסט אז עס האנדלט זיך פון צעהנדליגע טויזנטער אמעריקאנער דאללארן וואס ווערט געשיקט חודש'ליך אויף אומלעגאלע וועגן דורך די אמעריקאנער מוסדות'ן און פון די איבערגעגעבענע 'וועד הידידים' וואס איז געווען אין אמעריקא.

עס איז וויכטיג צו באמערקן אז אין יענע תקופה איז יאפאן געווען אריינגעטוהן אין א שווערע קריג מיט אמעריקע, דאס אמעריקאנער געלט איז געווען 'מוקצה מחמת מיאוס' אין די אויגן פון די רעגירונג, און האנדלען מיט דעם איז געווען גערעכנט פאר זייער א הארבע זינד פון העלפן דעם פיינט. אבער ווייל די ישיבה האט נישט געהאט קיין אנדערע קוועלער פון געלט, האט רבי חיים זיך געמוזט איינשטעלן איינמאל נאכן צווייטן און זוכן עצות און קונצן כדי ער זאל קענען אריבער פירן דאס געלט צו איר פלאץ.

די פארבינדונגען מיט די מוסדות וואס האבן געשטיצט די ישיבה האט ער געפירט דורך באהאלטענע קאוד'ס וואס זענען בעיקר געווען געבויעט אויף פארשידענע באגריפן פון הלכות, מראי מקומות, גימטריאות וואס מיט גרויס חכמה האט ער עס אריינגעלייגט צווישן די ווערטער וואס זענען געשריבן געווארן אין די לאנגע תורה'דיגע בריוון וואס מ'האט יעדן טאג געשריבן דורכ'ן פאסט און טעלעגראמען דורך נייטראלע לענדער ווי אוריגוואיי, שוועדן און שווייץ, קיין אמעריקע און צוריק.

פארשטייט זיך אליינ'ס אז זיי האבן נאכגעקוקט יעדעווארט פון זיינע בריוון ווען זיי האפן צו קענען טרעפן א ענטפער אויף די פראגע וואס האט זיי געארט, אבער מיט חסדי שמים איך זיי נישט געלונגען.

כאטש די סכנה, איז רבי חיים ווייטער אנגעגאנגען מיט זיינע פעולות אן קיין אויפהער, אבער אונטערן טיש האט א גאנצע צייט געהערשט די סכנה פון די מינוט וואס די רעגירונג וועט יא ארויף גיין אויף אירע סודות. 'רחמים' איז קיינמאל נישט געווען פון די שטארקע זייט פון די יאפאנער, אויף דעם וועט עדות זאגן אז אין יענע תקופה האט אנגעכאפט א ציטער פאר יעדן יאפאנער בירגער ווען ער האט נאר געהערט דערמאנען די נאמען פון די 'זשאנדערמיי', דאס איז די געהיים פאליציי פון יאפאן.

צווישן די יאפאנער בירגער זענען געווען באקאנט ערציילונגען וואס די האר פון קאפ האבן זיך אויפגעשטעלט איבער די ביטערע ענדע פון די וואס זענען איינגעשפארט געווארן אין זייערע ארעסט-הייזער, דאס האט צוגעברענגט אז אין יענע צייטן האט קיין איין יאפאנער בירגער זיך נישט געוואלט פארפלאנטערן מיט קיין שום זאך וואס קען אויפוועקן די צארן פון די געהיים-פאליציי. רבי חיים האט זיך געפלאגט א גאנצע צייט צו טרעפן א באנק וואס וועט מסכים זיין אריבער פירן די געלטער, און ווען ס'איז אים געלונגען נאך אסאך פלאג און הארעוואניע צו טרעפן א באנק אויף דעם, איז עס געווען ממש א נס.

נישט איינמאל איז דער ראש ישיבה גערופן געווארן אויף אויספארשונגען אין די אפיס פון די געהיים-פאליציי וואו דארט האט ער געדארפט ענטפערן אויף די פראגע'ס פונעם אפיציר - א שלעכטער און א געריבענער יונג וואס אויסערליך האט ער ארויסגעוויזן א שטארקע נאנטקייט און ליבליכקייט, און אינעווייניג ביי זיך האט ער אלעס געטוהן אז רבי חיים זאל נאר געבן איין פאלטשע גליטש, און נאכדעם וועט ער שוין זיין אינגאנצן אין זיינע רשעות'דיגע הענט.

געווענליך איז פאר רבי חיים געלונגען זיך ארויסדרייען אויף אזא וועג צי אויף א אנדערע פון די שארפע פראגעס פונעם אפיציר, אבער אין איין צופריה האט אויסגעזעהן אז עס האבן זיך געטוישט די באציאונגען פון רבי חיים מיט דעם אפיציר. דאס איז געווען נאך וואס ס'איז אים געלונגען צו לייגן א האנט אויף עטליכע דאקומענטן וואס איז כמעט קלאר געשטאנען געשריבן איבער די געלטער וואס ער האט אריבערגעפירט פאר די ישיבה.

רבי חיים איז שנעל געפירט געווארן צו די קעלערן פון די יאפאנער פאליציי. ער האט דעמאלטס גוט געוויסט אז יעצט זענען פארהאן אסאך שאנסן אז די אויספארשונגען זאל זיך ענדיגן מיט א ערנסטן שטראף און א לעבנ'ס געפאר שוועבט העכער זיין קאפ.

זיינע ליפן האבן ווי פון זיך אליינס געשעפשעט די ווערטער פון וידוי און האט געדאוונט צום אויבערשטן ער זאל אים ארײנלייגן אין מויל די ריכטיגע ווערטער און ער זאל טרעפן חן אין די אויגן פון דער אויספארשער; 'ריבונו של עולם' - האט רבי חיים געבעהטן, 'איך בין נישט געבוירן געווארן אלץ א מנהל פון א ישיבה, און איך וויל נישט חלילה שטארבן ווי א מנהל פון א ישיבה. איך בעהט פון דיר אז דו זאלסט מיר שענקען נאך יארן פון לעבן וואו דעמאלטס זאל איך קענען מרביץ תורה זיין אזוי ווי מיין הארץ ווילי'.

אסאך יארן נאכדעם, ווען ער האט חתונה געמאכט זיין יונגסטע טאכטער האט רבי חיים דערציילט א טייל פון געשעהנישן פון יענע שווערע טעג ווען ער דערציילט נאר אביסל:

'איך האב גוט געוויסט די ווילן פון די יאפאנער פאליציאנטן. שוין א לאנגע צייט וואס זיי ווילן געוואר ווערן וויאזוי לעבן די דריי הונדערט און פופציג בחורים וואס זענען אונטער מיין שוץ, און יעצט האבן זיי געטראפן אויף וואס זיי קענען זיך ארויף כאפן...

נישט איינמאל האבן מיר מיינע פריינד מיך געווארנט אז פון זייערע ארעסט-הייזער קומט מען נישט צוריק לעבעדיג, אבער ווייל איך האב געוואוסט אז ווען א מענטש געפינט זיך א לעבנ'ס געפאר קען ער בעהטן פון השי"ת מער ווי שטענדיג, האב איך אויסגעניצט יענע שעה'ן צו דאווענען א רירנדע תפילה פון טיפן הארץ, און אזוי האב איך געבעהטן:

ריבונו של עולם, אויב דו האסט מיר אויסגעוועלט פאר א קרבן צו מכפר זיין, גיי איך בשמחה... אבער אויב דו ווילסט אז איך זאל בלייבן לעבן, בעהט איך פון דיר דריי זאכן:

די ערשטע זאך וואס איך בעהט פון דיר, איז אז ווען איך וועל זוכה זיין סוף סוף אנצוקומען מיט די בחורים אל המנוחה ואל הנחלה, זאל איך מער נישט דארפן טראגן אויף מיר דעם גשמיות'דיגן חלק פון די ישיבה און איך זאל קענען זיצן און לערנען פלייסיג אן קיין שטערונגען.

די צווייטע געבעהט: אז איך זאל זוכה זיין צו מגדל זיין קינדער תלמידי חכמים, און די דריטע: אז איך זאל זוכה זיין חתונה צו מאכן מיינע טעכטער צו תלמידי חכמים.

איך קען נישט דערציילן די אפענע ניסים וואס איך האב זוכה געווען צו זעהן אין יענע טאג, אבער דאס קען איך זאגן אז מיט חסדי שמים בין איך ארויס פון דארטן מיטן לעבן.

אויך די דריי בקשות וואס איך האב דעמאלטס געבעהטן זענען אנגענומען געווארן, ברוך ה' אז איך בין באפרייט געווארן פון דעם גשמיות'דיגן עול באלד ווען איך ביך אנגעקומען קיין ארץ ישראל, איך האב זוכה געווען צו זוהן תלמידי חכמים, און יעצט ביינאכט בין איך זוכה צו זעהן ווי מיין יונגסטע טאכטער האט חתונה צו א אמת'דיגער תלמיד חכם.

'ספר הזכרון' למרן הגר"ח שמואלעוויץ עמ' סח

עיצובים shay